## פאליטישע אפשאצונג:

פון: א.פ. מאן

# דער פאליטישער מצב ווערט מער אנגעצויגן

(פארזעצונג פון זייט 5)

צופיל געפעלט אז דער סענאט זאל אריבערגיין צו די דעמאקראטן. איצט איז איראניש אז ווען דער סופרים קארט האט די פאר וואכן צוגעשטעלט די בעסטע געפילן פאר די רעפובליקאנער און פאר די קאנסערוואטיוועו מיט די אינטערעסאנטע אורטיילן, קען דאס גאר אויך זיין די מוניציאן פאר די דעמאקראטן צו מאבילידירן זייערע וויילער און שטיצער ארויסצוגיין שטימען אין די מאסן פאר דעמאקראטישע קאנדידאטן פון אויבן ביז אראפ.

אנקעטעס ווייזן אז די טראמפ פאפולאריטעט שטייגט לעצטענס אין געוויסע הינזיכטן. דאס פאלק איז צופרידן פון די עקאנאמיע און מ'גיט טראמפ קרעדיט דערפאר. עס קען זיך אבער זייער שנעל טוישן ווען מ'וועט אנהויבן שפירן די ווייען פון די טאריפן קריג.

ערשט דעם דינסטאג האט פרעזידענט טראמפ געסטראשעט די הארלי דעיווידסאן פירמע אז ער וועט זיי חרוב מאכן מיט העכערע שטייערן וואס זיי קענען זיך אפילו נישט פארשטעלן, אויב זיי ווילן טאקע אריבערפירן טייל פון זייער ביזנעס צו פאבריקן קיין אויסלאנד אויסצוקרויזן די טאריפן וואס פרעמדע לענדער ווילן ארויפלייגן אויף אמעריקאנער מאטארביציקלעך.

עס קען זיין אז הארלי וועט זיך ברעכן, ווייל נישט פאר יעדן גלוסט זיך צו שלאגן מיט א פרעזידענט אפילו מיט א טראמפ, אדער בעסער געזאגט טאקע מיט א טראמפ, אבער אויך דאס הויבט אן ארייינצוהאקן אין מח פון די דורכשניטליכע אמעריקאנער אז עס ווארט אויף זיי העכערע קאסטן פאר די פראדוקטן וואס זיי מוזן איינקויפן צוליב דעם טאריפן קאמף וואס פרעזידענט טראמפ פעדעמט איין.

ווען עס הויבט אן צו קוועטשן אין די קעשענע, טוישן זיך די אנקעטעס זייער שנעל און אויף זייער א גרויסן פארנעם, איז דאס א זאך וואס באזארגט א סאך רעפובליקאנער ווען מ'וויל אויסשטעלן א סטראטעגיע פאר די קומענדיגע וואלן.

אין קורצן, דער סופרים קארט האט צוגעשטעלט אן אויסטערלישע גוטע וואך פאר די רעפובליקאנער און פאר די קאנסערוואטיוועו, אבער די דעמאקראטן און ליבעראלן שארפן זיך די ציין אז דאס זאל אויפוועקן די אמעריקאנער וויילער אז מ'דארף מאכן ארדענונג, מ'טאר זיך נישט לאזן פון די טראמפ ווירטשאפט.

דאס איז געווען אין קורצן די נייעס פון די וואך, אבער איר קענט זיכער זיין אז די קומענדיגע וואך וועט נישט זיין שטילער אדער רואיגער, ווייל אזוי גייט איצט די פאליטישע אטמאספערע אין אמעריקע.

* * *

# מיר זענען געקומען, מיר האבן געהערט, מיר ווען אייה איינעמען!

דער "ווינינג עדזש 18" קאנפערענץ איז אויפגענומען געווארן מיט כוואליעס פון פאזיטיווע רעאקציעס. מאנטאג פ' חקת, יוני 18, האבן געשטראמט באאמטע, ביזנעסלייט און וויכטיגע ביזנעס פיגורן צום מאנטקלער סטעיט אוניווערזיטעט אין ניו דזשורזי, צו פארברענגען דעם טאג אויסלערנענדיג זיך סטראטעגיעס און טאקטיקן וואס זאלן ביישטייערן צו ביזנעס וואוקס.

דער אנערקענטער ביזנעס עקספערט און שטארק-געזוכטער הויפט רעדנער דזשעפרי העיזלער האט אנגעהויבן דעם טאג מיט אן עלעקטריזירענדע רעדע איבער ווי אזוי מ'זאל זיין אומערמידליך, מ'זאל נישט באהאלטן זאכן און וויכטיגע מיטלען צו באזיגן די מורא וואס שטייט אין וועג פון הצלחה. מיט שפאנענדע אנעקטאדן און טיפע ארייינבליקן פון זיינע יארן ערפארונג וואס ער האט זיך אנגעזאמלט אלס א הויפט באאמטער פון די בארימטע קאדע פירמע, האט העיזלער אדרעסירט דעם נויט פאר ביזנעס אייגענטימער קלאר צו שטעלן זייער פונדאמענטאלע סיבה פאר עקזיסטענץ, און רעכענענדיג זיך מיט די קאסטומער'ס ענדערונגען כדי צו קענען טרייבן נויטיגע ענדערונגען אין זייער ביזנעס.

"קאדעק'ס טעות איז, אז זיי זענען נישט געווען אין די ביזנעס פון פילם. זיי זענען געווען אין דאו דזשאונס ביזנעס פון זכרונות", האט ער מיטגעטיילט.

(אויפקלערונג: די קאדעם פילם רעקלאמעס האט ארויסגעהויבן אז בילדער פאראייביגן זכרונות. היזלער זאגט איצט אז קאדעק האט געלעבט מיט זכרונות פון זייערע אמאליגע גוטע צייטן, ווען פילם האט דאמינירט, און די פירמע איז נישט גענוג צייטליך אריבערגעגאנגען פון די נייע טעכנאלאגיע פון כאפן בילדער אן פילם.)

דער נאכפאלגענדער טייל פון טאג האט געברענגט א סעריע פון געוואלדיגע סעסיעס וואו מ'האט זיך אנגעקערט מיט די וואס האבן אנגעפירט די גרופעס, וואו מ'האט אדרעסירט אלעס וואס איז אינטערעסע פאר ביזנעס, פון פינאנציעלע, געזונטהייט און לעגאלע זאכן, ביז פירערשאפט און מארקעטינג אויפטועו. צווישן די וואס האבן אויפגעטרעטן זענען געווען די פאלגענדע פראמינענטע ביזנעסלייט: Saul and Simeon Friedman of Saul N. Friedman and Co.; Michael Macintyre of HSBC; Bradley Nash and Solomon Klein of Schlam Stone & Dolan LLP; Dr. Firzouz Daneshgari, founder of BowTie Medical; Eli Rowe, CEO of World Medical Bank; Moishe Katz; founder of United Refuah HealthShare; Michael Langer, founder and CEO of Gulliver's Gate; Allen Fagin, Executive Vice President of the Orthodox Union; and Yitzchok Saftlas, founder and CEO of Bottom Line Marketing Group. "סוף טאג, מוז דער פירער זיין דער וואס וועט פאסט א באשלוס אין יעדן מצב", האט עלען פעיגין מיטגעטיילט, דערמאנענדיג אונז פון דעם באוואוסטן ווארט פון פרעזידענט הערי עף. טרומאן, דערמאנענדיג אז "the buck stops here!"

(אויפקלערונג: פרעזידענט טרומאן האט געהאט די לאזונג אויף זיין שרייב טיש, ווי א דערמאנונג אז מ'קען נישט ווייטער שיקן דעם פראבלעם צו עמיצן אנדערש, ווייל דא ענדיגט זיך עס, ביי אים איז די לעצטע סטאנציע, ווייל ער מוז פאסן דעם ענדגילטיגן באשלוס.)

אן ערפינדער אינעם פעלד פון העלט קעיר פארוואלטונג, איילאי ראו, האט מיטגעטיילט אז פירער מוזן קענען זייערע שוואכקייטן, צוריקטרעטן און ארונעמען זיך מיט גרופעס פון טאלאנט. ער האט דערמאנט די באטייליגטע אז אפילו לעגענדארע ערפינדער אזז ביל געיטס, סטיוו דזשאבס, און מארק צוקערבערג האבן קיינמאל נישט געפארטיגט קאלעדזש



און זענען טראץ דעם אלעם עקסטרעמע דערפאלגרייכע ביזנעסלייט.

דער טאג האט זיך געענדיגט מיט א "ברעס טעקס" (תכלית!) גרופע וואס האט געהאלטן יעדן געשפאנט, נאכגעפאלגט פון א שלוס הויפט רעדע פון "Innovation Instigator" און ביזנעס ראטגעבער סטיווען שפירא. אין זיין אייגנארטיגן פארכאפענדן שטייגער, האט שפירא פראדוצירט די באטייליגטע ארויס פון זייערע באקוועמליכקייט געפילן ארייינצוגיין אין נייע וועגן פון טראכטן איבער ענדערונג.

די איבערוועגענדע פאזיטיווע רעאקציעס און די אויפגעלעבטע אטמאספערע נאך די קאנפערענץ איז די בעסטע עדות צו די געוואלדיגע הצלחה פון דעם Winning Edge 2018.

איינער פון די באטייליגטע, יואל ווייטהאוז, פרעזידענט פון עמפייער בענעפיט סאלושענס, האט מיטגעטיילט: די פארשידנארטיגע פערזענליכקייטן, געדאנקען און מיינונגען זענען געווען אזוי אייגנארטיג. איך קען קוים ווארטן אנצוקומען צו מיין טיש מארגן צופרי, און אנהויב איינפעדעמען זייער ראט!

Winning Edge 2019, here we come!